# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות................4:18
מוצאי שב"ק....................5:45

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..............................משלי ט'-י'
בבלי...........................נדה ל"א
ירושלמי.......................שבת פ"א
תוספתא.....................מנחות ח'
רמב"ם.......................מכירה ב'


פרשת חיי שרה, כ"ה חשון, מברכים חודש כסלו, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 9 (423)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרֹן אֶת הַכֶּסֶף אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּאָזְנֵי בְנֵי חֵת אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף עֹבֵר לַסֹּחֵר

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר ר' נָתָן אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ יְרוּשָׁה פוּן טוֹיזְנְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ, הָאט אִים ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "הָאסְטוּ טוֹיזְנְט טוֹיטְן"; וַוייל גֶעלְט אִיז נָאר אַ קָאפּ פַארְדְרֵייעֶנִיש, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַוֶועק גֶעלְט, וֶוערְט נָאר פוּן דֶעם דֶעפְּרֶעסְט, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כג): "וְעַל כֵּן אֵלּוּ הַמְשֻׁקָּעִים בְּמָמוֹן כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ עֲשִׁירוּת יוֹתֵר, יֵשׁ לוֹ דַאֲגוֹת וְעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה בְּיוֹתֵר", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעטוּן אִין גֶעלְט, ווִי מֶער גֶעלְט זֵיי הָאבְּן, זֶענֶען זֵיי מֶער פַארְ'דַאֲגָה'ט, מֶער דֶעפְּרֶעסְט, אוּן מֶער מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, וַוייל גֶעלְט מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ דֶעפְּרֶעסְט. גֶעלְט הֶעלְפְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ מֶענְטְשׁ. רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אוֹיב דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן, נָאר אוֹיב דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בֶּעסֶער לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה. אַמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!" יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, מֶען מֵיינְט אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים, עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט; דָאס קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת", דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וְכוּ', וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעהַאט אַ חַיִּים טוֹבִים, דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוּנְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וְכוּ', הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה, אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט וְכוּ'"; אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, בֶּעט כְּסֵדֶר דִי תְּפִילָּה וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת.

ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אִים קְלָארֶער זַיין אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט בַּיי אִים שְׁטַארְק אַז עֶס אִיז גָארנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרַשׁ תַּנְחוּמָא וַיִּקְרָא, א): "דַּעַת קָנִיתָ מַאי חָסַרְתָּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, עֶר וֵוייסְט אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - הָאט עֶר אַלֶעס, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. "דַּעַת חָסַרְתָּ מַאי קָנִיתָ", אוֹיב הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - הָאט מֶען גָארנִישְׁט; אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן גֶעלְט אִיבֶּערְן קָאפּ, אוֹיב לֶעבְּט עֶר נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פוּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, יֶעדֶע דָאלֶער אִיז אִים נָאךְ אַ וֵוייטָאג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זָארְגְן פַּאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיב יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. אוּן אוֹיב הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַּאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיּוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַודַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַּאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; יֶעדֶעס מָאל פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה, לֵייג דַיין הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם", אוּן זָאג דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", וָואס דָאס אִיז מְסוּגָּל צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיב מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן - וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס - מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת זָאל מֶען זָאגְן פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תש"פ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מִשְׁפָּחָה זָאל מִיר צוּרִיק אָנְנֶעמֶען?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי אַכְצְן יָאר, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה שׁוֹין אִיבֶער צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן. מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן מִיר אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, מַיין טַאטֶע אוּן מַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן מִיר כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפְּגֶעקוּקְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק חֲרָטָה אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּרִיק צוּ גֵיין אַהֵיים, אִיךְ וֵוייס אָבֶער אַז מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע אוּן מַיינֶע בְּרִידֶער גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט מִיר, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יָא, גֵיי אִיךְ בְּלַייבְּן דֶער אוֹיסְוָוארְף פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אִיךְ ווִיל זֵיי זָאלְן מִיר אָנְנֶעמֶען אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן וִוי אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פָּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ אוּן עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן דַיין קוֹל; עֶר ווִיל הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים, עֶר ווִיל הֶערְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט וִוי דוּ רוּפְסְט אִים; זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר! אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר אוּן צוּ דִי תּוֹרָה"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אוֹיס צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

גֵיי אַהֵיים צוּרִיק צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִשְׁפָּחָה; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיר צוּרִיק נֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, זֵיי בֶּענְקֶען נָאךְ דִיר אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִיר. עֶס אִיז נִישְׁט וִוי דוּ טְרַאכְסְט אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ קוּמְסְט צוּרִיק אַהֵיים.

עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, לָאז אָפּ וָואס אִיז גֶעוֶוען. מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אוֹיפְ'ן עָבָר, נָאר שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן"; מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, "אָבֶער בַּיי מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעְלָה, וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי"; זֵיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

אַז דַיינֶע בְּרִידֶער וֶועלְן דִיר אַרַיין זָאגְן וְכוּ' זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תש"פ)

>>>>>>

דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען אִיז צוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיוּת"...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת.

דָאס אָבֶער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחֲנִיוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטּוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטֶס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶער מִיט אַן אֱמֶת, עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶוער עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

וֶוען אַ אִיד דַארְף הִילְף, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דַאן זָארְגְן אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת, נָאר זֶען מִיט וָואס מֶען קֶען אִים הֶעלְפְן, אַמָאל קֶען מֶען אִים הֶעלְפְן בְּגוּף אוּן אַמָאל מִיט גֶעלְט, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אַז יֶענֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ צוּפְרִידֶענֶער. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פַארְלָאפְן אִין דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקֵייט פוּן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן דִי הִילְף פוּן אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אַ צְדָקָה קַאסֶע מִיט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דִי אָרִימֶעלַייט פוּן שְׁטָאט. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּזַאם גֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אֲסִיפָה דוּרְכְצוּגֵיין דִי בִּיכֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג הַכְּנָסוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁנַיידְן דִי הוֹצָאוֹת צוּ קֶענֶען בַּאלַאנְצִירְן דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט. אָבֶער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי אוּמְוִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת אִין שְׁטָאט, צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט אִין שְׁטָאט.

דָארְט אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט מַמָּשׁ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי צְדָקָה קַאסֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיסֶער דֶעם. עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע פוּן דִי צְדָקָה קַאסֶע, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת, אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְּן. עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם, נָאר צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן נָאךְ וֵוייניגֶער אוּן וֵוייניגֶער, בִּיז דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

דֶער בַּאשְׁלוּס צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער צְדָקָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ גֶעוִויסְן רָב וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קַאסֶע. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אִין הִימְל אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים גָאר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף רח"ל.

עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶגְבֶּערְן אִינֶעם קָאפּ פוּן דֶעם רָב מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רח"ל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֵיין שְׁמַדְ'ן רח"ל. אֵיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר

<<<<<<

>>>>>>

אַריבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם גַלַח פוּן שְׁטָאט אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר ווִיל זִיךְ שְׁמַדְ'ן רח"ל. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם קִטְרוּג וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי צְדָקוֹת אוּן דִי אָרִימֶעלַייט זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער.

פַארְ'ן גַלַח הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דֶער גַאנְצֶער עֵסֶק, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אַ חָשׁוּב'עֶר רָב זִיךְ פְּלוּצְלִינְג וֶועלְן שְׁמַדְ'ן? עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען ווִיל אִים עֶפֶּעס אָפְּטוּן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט צוּ עֶרְפִילְן דֶעם רָב'ס פַארְלַאנְג.

עֶר הָאט קוֹדֶם אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם רָב אוּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען זִיךְ צוּ זֶעצְן עֶפֶּעס עֶסְן אוּן אַזוֹי דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן דִי זַאךְ. אִינְצְווִישְׁן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב אַ שְׁטַארְקֶע בְּרָאנְפְן, פוּן וָואס דֶער רָב הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן שִׁיכּוֹר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזִיצְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי שְׁטָאט מֶעזְעבִּיזְשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אַלֶעס וָואס גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג בַּאפוֹילְן פַאר אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר זָאל גְלַייךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן מַאכְן הַבְדָלָה, אוּן אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד אוּן אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ יֶענֶעם שְׁטָאט צוּם גַלַח'ס הוֹיז. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען דָארְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ דַארְפְסְט צוּ טוּן".

דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן אוּן גֶעטוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גַלַח'ס הוֹיז אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער רָב לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְגַאנְצְן פַארְ'שִׁיכּוֹר'ט. דֶער רָב הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, דֶער גַלַח הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר דַארְף טוּן. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם רָב זִיךְ צוּ גֵיין וַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא, אוּן דֶער רָב הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

נָאכְ'ן עֶסְן דִי חַלָּה, הָאט דֶער רָב בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אֶמֶת'דִיג חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע מַצָּב, עֶר אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם גַלַח'ס הוֹיז אוּן עֶר הָאט אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקֵייט וֶוען מֶען הַאלְט נָאר צוּרִיק דָאס הִילְף וָואס אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען. אוּן עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן יָא צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם צְוֵייטְן אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט אָן אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן רוֹדְפְ'ן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק.**

**ריז**

דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק אַז עֶר זָאל זֵיי מִיטְגֶעבְּן פוּן דִי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַהֵיימְשִׁיקְן מִיט זֵיי אַ בְּרִיוו צוּ זַיין שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן עֶס אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען פוּן אִים, נָאר פוּן ר' יִצְחָק הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער מִיט חָכְמָה אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין בְּרִיוו אִינֶעם בְּרִיוו פוּן ר' יִצְחָק, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזֶעגְנְט אוּן זֶענֶען אַהֵיימְגֶעפָארְן.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז זֵיי וֶועלְן עֶפֶענֶען דֶעם בְּרִיוו, אֶפְשָׁר וֶועלְן עֶפֶּעס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַ רֶמֶז וֶוער ס'אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָארְט מִיט ר' יִצְחָק [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי], וֶוער עֶר אִיז, פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, אוּן וָואס עֶר טוּט, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ ווִיסְן, דֶער בְּרִיוו אִיז זֵיי אָבֶּער עֶרְגֶעץ פַארְשְׁווִינְדְן גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן פַארְגֶעסְן וואוּ זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעלֵייגְט, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן.

בִּיז וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גְרֶענִיץ אִין וָואלִיכְיֵי, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם בְּרִיוו, אוּן פוּנֶעם בְּרִיוו הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן.

אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, דֶער וָואס הָאט דָאס מֶערְסְטֶע פַארְשֶׁעמְט אוּן מְצַעֵר גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אַהֵיים.

**ריח**

וֶוען ר' יִצְחָק הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן גְלַייךְ בַּיים אַהֵיימְקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (מִשְׁלֵי י"ז, כ"ו) גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב?", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַ צַדִּיק צוּ מַעֲנִישׁ זַיין אַ מֶענְטְשׁ (עַיֵּין סַנְהֶדְרִין קה:).

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ מָשָׁל. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קֶענִיג וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער פוּן דִי מִינִיסְטָארְן, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. שְׁפֶּעטֶער - וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן - הָאט עֶר אַמָאל זִיךְ מֵעִיז גֶעוֶוען פַארְ'ן קֶענִיג. הָאט דֶער קֶענִיג אִים גֶעזָאגְט, "דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען אִיךְ נִישְׁט בְּרֶעכְן דָאס גֶעזֶעץ, אוּן לוֹיטְ'ן גֶעזֶעץ קוּמְט זִיךְ דִיר טוֹיט שְׁטְרָאף", אוּן דֶער קֶענִיג הָאט גְלַייךְ גֶעהֵייסְן אִים בִּינְדֶען מִיט אַייזֶערְנֶע קֵייטְן אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין טוּרְמֶע.

דָארְט אִין תְּפִיסָה הָאט דֶער גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְטְרַאכְטְן אִיבֶּער דִי יִסוּרִים וָואס עֶר גֵייט הָאבְּן וֶוען מְ'גֵייט אִים הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זַיין צַעַר וֶועט נִישְׁט אָנְהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג, נָאר בִּיז וֶוען עֶר וֶועט גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט פוּן דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס דֶער

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע, וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ בִּיטֶערֶע יָאר, מִיט קַיין אֵיין טָאג וָואס אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ דַארְף הָאבְּן חִיזוּק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל חוּצְפָּה'דִיג צוּ מַיין מַאמֶע, אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִיר, וּבִפְרַט נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז פָארְן קַיין אוּמַאן הֶעלְפְט נִישְׁט פַאר אַן עַזּוּת פָּנִים, אַ מְחוּצָף; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן חוּץ אַן עַזּוּת פָּנִים"; אַ מְחוּצָף הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי'ן.

צְווֵייטְנְס, וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין מַאמֶע?! אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, זָאלְסְט פַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן קְלַאפְּן עַל חֵטְא מִיט דַיין קָאפּ צוּם עֶרְד אוֹיף דַיין אוֹיפְפִירוּנְג צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן. אָךְ אוּן וֵויי פַאר דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס עֶפְנְט אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין אַלְטֶע מַאמֶע!

קוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ל, יז): "עַיִן תִּלְעַג לְאָב", אַן אוֹיג וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין טַאטֶע, "וְתָבוּז לִיקֲהַת אֵם", אוּן דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן זַיין מַאמֶע (וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דֶער פָּנִים פוּל מִיט קְנֵייטְשְׁן), "יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל", זָאלְן קוּמֶען דִי רוֹיבּ פוֹיגְל וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע אַכְזָרִים אוּן אִים אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, "וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר", אוּן דִי אָדְלֶער זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער וִוי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

אַז דַיין מַאמֶע דֶערְבִּיטֶערְט דִיר דַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ צוּ זַיין אַ מְחוּצָף; אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער דַיין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִיר דִי דִינִים אוּן עֶס זָאל דִיר גוּט וֶוערְן אִין לֶעבְּן.

**אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט פַארְרֶעכְטְן דַיין צוּגַאנְג צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תש"פ)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
קֶענִיג וֶועט הָאבְּן, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם קֶענִיג׳ס צַעַר וֶועט זַיין פִּיל מֶער, וַוייל עֶר וַוייסְט דָאךְ אַז דֶער קֶענִיג הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ, עֶר וֶועט זִיךְ זֵייעֶר בֶּענְקֶען נָאךְ אִים, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דֶער צַעַר. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער רַחֲמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיפְ׳ן קֶענִיג ווִי אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי עֶר קֶען רַאטֶעוֶועֶן דֶעם קֶענִיג פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַעַר.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז בּוּשָׁה אִיז דָאךְ אַזוֹי ווִי מִיתָה (בָּבָא מְצִיעָא נ״ח:), הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׂר פוּן תְּפִיסָה אִים צוּ טְרָאגְן צוּם קֶענִיג, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן קֶענִיג, ״אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז דַיין צַעַר אִיז גְרֶעסֶער פוּן מַיינֶע, נָאר דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיפְ׳ן גֶעזֶעץ דֶערְפַאר מוּזְטוּ מִיר הַרְגְ׳עֶנֶען, הָאבּ אִיךְ אַן עֵצָה פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זֶען דֶערְצוּ אַז אֵיינֶער זָאל מִיר פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים, אוּן וֶוען מְ׳וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אִיז דָאךְ דָאס אַזוֹי ווִי מְ׳שְׁטַארְבְּט, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דָאס גֶעזֶעץ. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גַזְלָן פוּן טוּרְמֶע, אֵיינֶער וָואס זַיין טוֹיט שְׁטְרָאף אִיז שׁוֹין בַּאשְׁטִימְט, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ רֵייצְן מִיט אִים אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר זָאל זִיךְ גוּט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף מִיר אוּן מִיר פַארְשֶׁעמֶען אוּן שְׁלָאגְן בָּרַבִּים, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, אוּן סְ׳וֶועט מִיר וֶוערְן גֶערֶעכְנְט אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין גֶע׳הַרְגְ׳ט גֶעוָוארְן. דֶערְנָאךְ זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם גַזְלָן אוּן אִים הַרְגְ׳עֶנֶען, וָואס דָאס הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין סֵיי ווִי פַארְדִינְט פוּן פְרִיעֶר, אָבֶער מֶענְטְשְׁן וֶועלְן מֵיינֶען אַז מְ׳הַרְגְ׳ט יֶענֶעם וַוייל עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט אַ בַּאלִיבְּטֶער קְנֶעכְט פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁוֶועכְט וֶוערְן דֶער כָּבוֹד פוּנֶעם קֶענִיג אוּן פוּן זַיין קְנֶעכְט״.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק, אוּן בֶּאֱמֶת טוּט עֶר מִיט דֶעם אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ׳ן צַדִיק, וַוייל מִיט דִי בּוּשׁוֹת קוּמְט עֶר אָפּ דָאס וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דָאס דָאךְ אָבֶער נִישְׁט קַיין כְּבוֹד שָׁמַיִם אַז מְ׳זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעכֶענֶען מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט פַארְשֶׁעמְט אַ גָאר בַּאלִיבְּטֶער קְנֶעכְט פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶעם וָואס הָאט פַארְשֶׁעמְט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט וַוייל סְ׳אִיז דָאךְ נִישְׁט גוּט וֶוען אֵיינֶער וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט דוּרְכְ׳ן צַדִיק, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י״ז, כ״ו) ״גַם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב״, דֶערְפַאר מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אוֹיפְ׳ן צַדִיק אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זַיין עוֹנֶשׁ אִיז שׁוֹין בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן, עֶר אִיז שׁוֹין סֵיי ווִי חַיָּיב מִיתָה פוּן פְרִיעֶר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּזַאמְטְרֶעפְן מִיטְ׳ן צַדִיק אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, יֶענֶער פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער צַדִיק גֶערַאטֶעוֶועט פוּן זַיין עוֹנֶשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נָאכְדֶעם בַּאשְׁטְרָאפְט, אוּן סְ׳קוּמְט אַרוֹיס אַ קִידוּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן פַארְ׳ן טְשֶׁעפֶּען מִיט אַ צַדִיק. אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַ גֶע׳הַרְגְ׳טֶער פוּן פְרִיעֶר, ״גַבְרָא קַטִילָא קָטִיל״ (סַנְהֶדְרִין פ״א.), עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן פָארְאוֹיס פַאר אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער אוּן גוּטֶער חֶשְׁבּוֹן, ״כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה׳״ (הוֹשֵׁעַ י״ד, י׳), ״וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ״ (תְּהִלִּים צ״ב, ט״ז).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## שיינע שבע ברכות אין ישיבה

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק איז אפגעראכטן געווארן אין ישיבה א שיינע שמחת שבע ברכות פאר׳ן חשוב׳ן חתן מו"ה ארי פיש הי"ו, פילע אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען פון אלע געגנטער מיטצוהאלטן די שמחה, און אויסדרוקן אן הכרת הטוב פאר׳ן חתן וואס האט אזויפיל ארויסגעהאלפן די ישיבה אלע יארן.

ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט, ער האט ארויסגעברענגט די מעלות פונעם חתן וואס האט גוט אויסגענוצט זיינע בחור׳ישע יארן, ער האט געלערנט זייער פלייסיג, געענדיגט צוויי מאל ש"ס, צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, און נאך פילע שיעורים, און גלייכצייטיג נאך פיל געהאלפן די ישיבה אויף אזויפיל אופנים, און צו די זעלבע צייט געהאט אזא לב טוב און פרייליך געמאכט יעדן איינעם. דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען אז מ׳דארף מיטנעמען די לימודים פון הייליגן רבי׳ן אויך אויף נאך די חתונה, זיך שטארקן מיט א נייע פרישקייט, און אזוי וועט מען זייער מצליח זיין אין לעבן.

ביים סוף פון די דרשה האט דער ראש ישיבה שליט"א איבערגעגעבן א מתנה פאר׳ן חתן, א זילבערנע "ה", וואס דער רבי זאגט אז דאס איז מסוגל פאר קינדער.

נאכ׳ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעות.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## איבער טויזנט בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אפגעצייכנט די וואך

די הערליכע שאלות ותשובות פונעם ראש ישיבה שליט"א זענען שוין ברייט באקאנט אין די היימישע וועלט, די וואס ליינען דעם גליון יעדע וואך, האלטן מיט ווי עס ווערט אריינגעלייגט יעדע וואך צוויי בריוו אינעם גליון, ארויסגענומען פונעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה", פון אידן וועלכע האבן אנגעפרעגט זייערע ספיקות און צווייפלענישן, און דער ראש ישיבה שליט"א ענטפערט זיי בטוב טעם ודעת מיט די לימודים און עצות פון הייליגן רבי׳ן, לויט ווי מוהרא"ש ז"ע האט אונז געלערנט.

דאס איז אויסער די פילע בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט כסדר פאר די תלמידים, פול מיט עצות און חיזוק אין אלע אספעקטן אין לעבן, געבויעט אויף די לימודים פון הייליגן רבי׳ן לויט ווי מוהרא"ש ז"ע האט אונז געלערנט, און פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן געווארן פון די קלארע און געשמאקע הדרכות מיט וואס די בריוו זענען פול. די וואך איז אפגעצייכנט געווארן דער ציפער פון איבער טויזנט בריוו, אויסער די שאלות ותשובות, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן.

אויפ׳ן גרויסן פארלאנג האט מען לעצטנס אויך אנגעהויבן איבערצוטייטשן די בריוו אויף לשון הקודש און אויף ענגליש, אז יעדער איד אויף דער וועלט זאל זיך קענען מחיה זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן.

די אלע בריוו און שאלות ותשובות ווערן געדרוקט יעדע וואך אין א קונטרס "עצתו אמונה", וואס איז דא צו באקומען ביים קרן הדפסה "היכל הקודש" אין וויליאמסבורג. ווי אויך קען מען באקומען דעם קונטרס אויפ׳ן נומער 347-509-4908, אדער קען מען עס באקומען אויף די פאסט פאר א מינימאלע אפצאל אויפ׳ן נומער 845-200-7132. אדער קען מען עס באקומען אויף בליץ פאסט, צוזאמען מיט די טעגליכע חיזוק יומי און דרשות, דורכ׳ן זיך אויפשרייבן אויף chizikyomi@gmail.com.

די בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א גייען אין די פיסטריט פונעם ספר הקדוש "אשר בנחל", אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג אז אלע זיינע עצות און לימודים נעמט ער פון דארט, מוהרא"ש האט געשריבן אזויפיל ספרים און בריוו, מיט עצות און חיזוק אויף סיי וועלכע מצב א מענטש זאל זיך נאר געפינען.

די קונטרסים "עצתו אמונה" זענען ב"ה זייער אויפגעכאפט. צוליב די גרויסע פארלאנג האט מען שוין אין די קורצע צייט געדרוקט אין פארשפרייט שווערע טויזנטער דערפון אין אלע געגנטער.

**לדעת את המעשה אשר יעשון!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה נתן יוסף בורשטיין הי"ו וזוגתו תחי׳**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די געוואלדיגע זכותים וואס איר האט, צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס לימודים איבער גאנץ ארץ ישראל און איבער די גאנצע וועלט, זאלן אייך ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**בארא פארק - מו"ה יעקב פיש הי"ו**

**לע"נ זקינו ר׳ ישעי׳ ב"ר משה יצחק פיש ע"ה - יארצייט כ"א חשון**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **בנציון** (ב"ר שמחה) **יאקאבאוויטש** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

החתן מו"ה **צבי אלימלך אונגאר** הי"ו

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

## שלום בית

**ווי אזוי בויעט מען א צוטרוי און ליבשאפט אין שטוב? ווי אזוי קריכט מען ארויס פון א בלאזעדיגע מצב? ווי אזוי האט מען א פרייליכע שבת מיט די ווייב און קינדער?**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:

**212-444-9191**

**2, 2, 5, 2**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**
212-444-9169 / 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**